בס"ד

A Gershy Schwarcz Production

# מיכאל שניצלער
# לעבעדיגע ספרי תורה






Musical Arrangements: Hershy Ginsberg & David Taub

MP3








AND OPEN IT


STUDIOS




KORG







THERE IS NO
TAKE TWO



# למנצח על השמינית

זמן מתן תורתינו תשפ"א לפ"ק

שמיני רגל בפני עצמו!

אודך ה' אלקי בכל לבבי ואכבדה שמך לעולם, כי חסדך גדול עלי, ואחרי כמה הרפתקאי דעדו עלי השפיע לי משמים זכי' נפלאה ורוממה להוציא שוב האלבום הנוכחי, "נשמה פלאם – לעבעדיגע ספרי תורה".

אודה ה' מאוד בפי, שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה ברוב שמחה, וזכיתי להוציא לאור חלק שמיני מסדרת "נשמה פלאם", כלי חמדה בדברי חיזוק לעורר את לבבינו לאמונת שמו יתברך, ומשולבים בסיפורי צדיקים הקודמים, אשר סגולתם כבר נודע לזכות לכל, להיוושע בכל מילי דמיטב בזכות הצדיקים הקדושים.

ותודה מיוחדת באתי בשער היכל הנגינ"ה להביע לכל אלו אשר עזרו וסייעו לי בכל עת, הן בדברי חיזוק לחזקני ולאמצני להוציא לאור עולם זה החלק, והן לאשר עמדו לימיני בכל ענין והעירו הערות חשובות, יהי חלקכם בין מזכי הרבים, לשמח לבבות ישראל בכל עת ועידן.

ובצאתי אפרוש כפי בתפלה, כה יתן ה' וכה יוסיף להשפיע שפע משמי מעל לנו ולכל בני ביתנו ולכל ישראל ישועות ורפואת בכלליות ובפרטיות לנצח נצחים.

בשבח והודאה מלב עמוק לקל הטוב

מיכאל

נשמה פלאם

# CREDITS:

A **Gershy Schwarcz** Production

**Idea and Concept:** Zevy Fried

**Music Production by:**
Hershy Ginsberg
David Taub
Yanky Ciment
Lipa Brach

**Project Manager:** Michoel Schnitzler & Eli Weber

**Vocals Recorded at:**
Neshuma Flam Studios, Jackson NJ
Gershy Schwarcz @ Edgware Studios Chestnut Ridge NY
Lipa Schmeltzer @ The Studyo Pomona NY
Yitzy Waldner @ Studio 6, Lakewood NJ

**Child Soloists Recorded at:**
Double M Studio Brooklyn NY
Neshuma Flam Studios, Jackson, NJ
Midnight Studios - London UK.
Zemiros Studio - Monsey, NY

**Music Recorded at:**
Gal Kol Studios
Midnight Studios
Tenor Studios - Israel
Shevach Studios
Sound Sonic Studios - London UK

**Mixing Engineers:** Ronen Hillel, Gershy Scharcz,
Ruli Ezrachi (Track #14)

**Mastering Engineer:** Ronen Hillel

**Cover Design & Layout:**
Article Image

## ORCHESTRA

**Drums:** Avi Avidani
**Guitars:** Avi Singolda , Motti Feldman, Nachman Dreyer
**Bass:** Yossi Mosesson, Guy Dan,
**Piano and Keys:** Yaron Gottfried, Yanky Ciment,
David Taub, Lipa Brach
**Accordion & Synth:** Hershy Ginsberg, David Taub
**Brass:** Daniel Flam and Co., Rafi Davidov,
Nathan Birman, Oded Meir
**Woodwinds:** Mark Feinberg, Nitzan EinHabar
**Flute:** Yoeli Perlmutter
**Strings:** Luka Zaltzman and the Israeli Philharmonic
**Clarinet (Track 4 - Reb Shimon):** Chilik Frank

## CHOIR

**Choir by:** Menagen - London UK
**Choir Conducted By:** Yoni Halberstam
**Adult Choir Members:**
Yoni Halberstam - Conductor,
Ephraim Philip, Chesky Honig, Gershi Uri, Ari Kalish,
Motty Halberstam, Effy Samet, Meilech Halperin

**Choir by:** Shloime Feingold
**Choir members:** Avrumele Shapiro, Shloime Feingold,
AJ Shtessel, Shimon Rabinowitz, Mottel Gold

**Choir recorded at:** Larchmont Studios, Lakewood, NJ

**Michoel's Backup Vocals Arranged by:**
Gershy Schwarcz

**Choir Arranged by:**
Hershy Ginsberg, David Taub, Gershy Schwarcz

## KIDS CHOIR

**Kids Choir by:**
Yossi Glick @ Shevach Studios, New Square, NY

**Child Soloists:**
The Klein Twins London, UK
יוסי לאקס, פיני מיללער,
יוסי מאליק, אברמי פאלאטשעק

**Kid Telling Joke:** Yanky Nueman

תודה מעומקא דליבא
מיין חברותא הרה"צ ר ישע'לע קרויס
אדמו"ר מאפטא שליט"א ומשפחתו שיחי'

הרה"צ ר' שמחה אהרן שטראהלי שליט"א
רב דקהלתינו רויעל גראוו

**אות הכרת הטובה צו אלע זינגערס**
**מוזיקאנטן און מיינע חברים און ידידים**
**פון איבער די וועלט!**

יואלי זילבערשטיין לע"נ אהרן ב"ר חיים דוב ז"ל

**מיינע זיסע קינדערלעך און אייניקלעך**
**כל אחד בשמו הטוב יבורך**

יואלי גראס, שלעפשיץ, יואלי לעבאוויטש,
יודל הערשקאוויטש, מוטי פרידמאן, וויכי, אלי'
וואלהענדלער, חילו פאזען, חיים יוסף שטיינבערגער,
משה ווייס ומשפחתו, מאיר לאקס, יואל שווארץ, דובי
טעססלער, ארי גראס, שמעלקא פאפער (סי-געיט),
וועלוול שמעלצער, זלמן ווידער - קול מבשר.

און אמת'ער פריינט: **שלומי באנדא**

אלעמאל גרייט, אין יעדן געלעגנהייט:
**אלי' וועבער**

*Special thanks to the Parents of the Young and Talented Solos:*
Moshe Miller & family - Lakewood, NJ
Shmiel Lax & Family - S.I. NY
Avrumi Klein & family - London, England
Rabbi & Reb Malik & family - Toms River, NJ
Yoely Polacheck & family - Monsey, NY

א ספעציעלע דאנק פאר אלי' ווייל (גרשי'ס חברותא)

Special Thanks: NEW VISION MEDIA

מיין גוטער חבר: **אליעזר וויינשטאק**



גרשי שווארץ
טאלאנט אזוי סאך!



הערשי גינסבערג
מוזיק איז דיין ערשטע שפראך!



שמואל דוד טויב
אזוי געשמאק און רייך!



נפתלי הירצקא
אלעמאל גרייט און וואַך!



ליפא
טויזענט ניגונים וואלטן נישט
געקענט ארויסברענגען
מיינע דאנקען צו דיר!



פינקי
מלך הבדחנים
דער טאטע פון
"נשמה פלאם"!



מאטי
ריין טאלאנט! דיינע
"מחשבות" און "רעיונות"
באלייכטן די אידישע וועלט!

נשמה פלאם

לע"נ מיין חשובע אומפארגעסליכע מאמע
מרת **יענטא גאלדא** בת ר' **יצחק יהודה** ע"ה
מאמע, איך וועל דיר קיינמאל נישט פארגעסן!

# THANK YOU:

, The דרום group, Zevy Fried, Nanny Pashkes, Yitzchok Lebowits, Chef Duddy Lemberger, Rabbi Shauly Lemberger, Meir Nusen Eizikovits, Moishy & Mrs. Miller, Isaac Neiman מנכ"ל, Shuki Waldman, Yossi Orgel

*Avi Surkis - PixMix, Shmily Brody, Pinny Melamed*

*Moishy Moskowits, Mendy Kish, Yanky Korn, Lipa Engel, Eli Stern*

*My Voice Teacher:* החזן נתן גליק
אברהם יצחק גאלדמאן, שרגי ציון, איצ'יק שווארץ,
*Radio Casters: Yossi Zweig - The Z Report, Nachum Segal, Zev Brenner, The Cool Jew,* מנחם טוקר, תומר כהן,
רדיו קול חי - יוסי גיל, דוד קליגר (תם גאנץ),
יוסי איזנטל, מאמענט מאגאזין



**Thank You:** *David Gefner, Sruli Singer, Ari Klein (Klein's ice cream), Izzy Miller (Toronto, Canada), R' Cheskie Weisz, Mordy Getz @ Eichler's, Shimmy Appel, Duvid Leib Brown , Yermia Leitner, Aba Fish, Berish Rapaport, Bentzi Herbst, Pinchas Bondo, Yossi Rubin, Amrom and Debbie, Hershy Hirsh, Yoely Sruli Zupnick, Eli Landau, Sruly Mermelstein, Shlomy Rosenberg, Dr. Many Krausz, Shlome Z. Vechter @ Volume Studios, Motty Klein @ MusicOnTime, ShieZoli, Avrumi Berko, GO! group, All the Music platforms & WhatsApp Statuses*

*Naftali Schnitzler, Hershy Weinberger, Bentzy Stein, Shragy & Kreindel Schnitzler, Raffi The King, Eliazer Diamond and Motty Perl , Rabbi & Rebetzin Alexander and Chanie Kaller & Family (Sunny Isles Beach, FL), Yeedle Werdyger, Moishe Horowitz, Yanky Ketina, Gershy Moskowitz, Shia Mendlowitz, My Brother Chananya (Yumtee), Mr. & Mrs. Efraim Weber and Family (Lakewood, NJ) Leiby Weider @ Studio 62, Tshaba Minyan of 37 Imperial, The Shimmy Deutch Family, The Dovi Schwimmer Family, Sruly Blumenfeld, Effy Tillim and the Bubbe Crew, And the Entire Royal Grove Family, The Pavo Gang:, Chaim & Blimele Kompel and Family, Nomshke, Chaim Roth, Shia Teichman, Moishe Feldman 33 Providence.*

*Shlomy Reichberg (Mekimi), Chananya Dov Glick, The Herbst Family (London, England),*

*Dr. Martin Goldman (Mt. Saini, NY), Dr. Leonard Pianko (Aventura, FL)*

*Yanky Hershko (Dark White Studios) Thanks for the beautiful photos!*

DARK WHITE STUDIOS

# SECURE YOUR FUTURE

Pinches Bando

*Panches Bando ( A/K/A Pinches Bando) is a Financial Representative of The Guardian Life Insurance Company of America® (Guardian), New York, NY*

*Exp 04/23 2021-119875*

פנחס מרדכי וועבער

פנחס מרדכי וועבער

הערשי גינסבערג

# 1

# דער שפאלער זיידע



דער שפאלער זיידע איז אמאל געגאנגען
אמאל געשטאנען
אויף א בארג א שיפן
פון א גרוב א טיפן
איי דאס הארץ צוברעכט זיך אים
ער הערט ארויס קרעכעצן

אוי רבי דער רשע עריץ
דער מושל פונעם פריץ
האט אזוי גע׳פסק׳עט
דא מיך אריין געטראסקעט
אין דעם גרוב דעם שמאלן
ווייל איך האב נישט צו באצאלן

אין דעם (טונקל) קאלטן גריבעלע
קוים א ברויט מיט א צוויבעלע
פאר א נארישע סיבה׳לע
פארווארפן פון מיין שטיבעלע
איך בענק נאך מיינע קינדער
שלמה יוסעלע, שרה ליבעלע

ערגער נאך פון דעם איז דאס
דעם פריץ יום הולדת
א סעוד׳ניא מיט וויין און ביר

ווי א בער פארשטעלן וועט מען מיך
און הייסן טאנצן וועט מען מיך
דער מושל וועט דארט טאנצן קעגן מיר



The Famous Eichler's of Boro park

# Largest Judaica store now ONLINE

GET IT ON SHOPEICHLERS.COM




**FREE SAME-DAY DELIVERY**
Order by 2pm and get it today - On orders $35 +

- Boro park
- Flatbush
- Willamsburg
- Crown Heights
- Staten Island
- Highland Park
- Queens
- Five Towns
- Far Rockaway
- Monsey and surrounding areas
- Monroe
- Teaneck
- Lakewood
- Tomsriver
- Jackson

WWW.**SHOPEICHLERS**.COM

SEFARIM ▪ BOOKS ▪ GARMENTS ▪ MEDIA ▪ JUDAICA ▪ GIFTS ▪ GAMES & TOYS

אלע מענטשן פון די גאס קענען
מיטהאלטן און פסק'ענען
ווער ס'געווינט, זאגן זיי אזוי קענען
און אויב טאקע באזיג איך אים
אין מיינע הענט באקריג איך אים
מעג איך דעם רשע גוט באבויקענען

ווי ביטער וועט דאך זיין אויב דער מושל געווינט
זיי וועלן מיר וואַרפן צו די שוואַרצע הינט
זיי וועלן כעס'ן, און מיך בייסן
און פון מיר שטיקער רייסן
אוי וויי, אוי וויי, אוי ווי אוי

דער שפאלער זיידע זעט וואס דער מצב איז
רבי איד! נאר בשמחה, נישט בעצבות
דו וועסט פארגרינגען
נאר מיט זינגען
קודם לאמיר טאנצן שפרינגען
ריי ריי ריי, אוי

**טאנץ איינמאל און צוויי מאל און דריי מאל**
**און נאכאמאל און נאכאמאל**
**און נאכאמאל און נאכאמאל**
**און נאך איין מאל**
**אראפ ארויף**
**און געב נישט אויף**
**ווייל מיט א ניגון**
**וועסטו באזיגן**
**און וועסט באקריגן**
**ישועות אן א צאל**

דער שפאלער זיידע האט געטון אנדייטן
לאמיר זיך בייטן
ארויס פון גרוב גיי דיר
געב מיר דיינע קליידער
איך טו איינגיין
אין גרוב אנשטאט דיר ארייננגיין

אוי לויף אהיים, לגבולם שבו
גאולה תביא
איי, אשמח בלבבי
דער צדיק שרייט דארט אבי

א ישועה וואו איז דא וואו
פלוצלינג אליהו הנביא
קומט - יא

ער לערנט אויס גענצליך
דעם צדיק אלע טענצעלעך
אז מארגן דעם רשע געווינט ער אים

צומארגנס הערט מען טריט
דער מושל שרייט זשיד
פארשטעלט אים ווי א בער אין קייטן בינדט ער אים

עס שפילן שוין ארקעסטן
מען הייבט זיך אן פארמעסטן
האפ-קאזאק שרייט דער רשע וולאדיק

ווי שיין טאנצט דער זיידע
בפני כל העדה
ווייל פון הימל שרייט מען אראפ צו דעם צדיק

**טאנץ איינמאל און צוויי מאל און דריי מאל**
**און נאכאמאל און נאכאמאל**
**און נאכאמאל און נאכאמאל**
**און נאך איין מאל**
**אראפ ארויף**
**און געב נישט אויף**
**ווייל מיט א ניגון**
**וועסטו באזיגן**
**און וועסט באקריגן**
**ישועות אן א צאל**

דער רשע שוין פאר'שיכור'ט אינגאנצן
ער פאלט אראפ ער קען זיך נישט באלאנסן
האסט נישט קיין שאנסן
מען דארף דיר קנס'ן
דער ראבינער קען סאך שענער טאנצן
יא יא יא

דער מושל פאר רחמנות ער בעט זיך
דער צדיק גיט אים מכות רצח
יעדער שרייט
שוין באפרייט

אראפ די קייט
אהיים ער גייט
געזונטערהייט - יא יא יא

ורחובות העיר ימלאו
צוריק צום איד לויפט דער צדיק פון שפאלע
געטאנצן אנשטאט אייך
דידן נצח
קוקט וואו טוט זאך
לעבעדיג לעבעדיג - יא

ר' איד געדענקען, אין גרוב, אפילו ס'איז שווער
א הסתר פנים פארשטעלט
עס זעט אויס ווי א בער
דיך נישט פארליר
נאר טאנץ בשיר
יעצט קום נאך איינמאל - טאנץ מיט מיר
און איך מיט דיר
אזוי ווי פריער - יא יא

**טאנץ איינמאל און צוויי מאל און דריי מאל**
**און נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל**
**און נאך איין מאל**
**אראפ ארויף**
**און געב נישט אויף**
**ווייל מיט א ניגון**
**וועסטו באזיגן**
**און וועסט באקריגן**
**ישועות אן א צאל**

**טאנץ איינמאל און צוויי מאל און דריי מאל**
**און נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל**
**און נאך איין מאל**
**אראפ ארויף**
**און געב נישט אויף**
**ווייל מיט א ניגון**
**וועסטו באזיגן**
**און וועסט באקריגן**
**ישועות אן א צאל**

BANYA59

פנחס מרדכי וועבער

פנחס מרדכי וועבער

הערשי גינסבערג



Child Solo:
יוסי לאקס



Child Solos:
אחים קליין

2

# אתה הראית



סאלא/הארמאני: פנחס מרדכי וועבער

עס פליען ארום די טויבן
צובראכענע שויבן
מיט ברעטער פארנאגלט
פארוויסט און פארוואגלט
אן אויסגעשפילענע
שטייט זי אין ווילנע
די שול

זי ווארט אויף מלחמה איבערלעבער
זי וויל שוין זיין דער גאסטגעבער
אבער קוים א מנין פארבליבן
זיך צוזאמען געקליבן
שמחת תורה ביינאכט
נאכ'ן קריג אפגעשוואכט
אין שול

מען הייבט שוין אן אתה הראית לדעת
א יעדנס אויגן פון טרערן איז נאס
דער גבאי ער גייט שוין צום ארון הקודש ארויף די דריי שטיגן
טראכט שוין וואס וועט זיין דער ערשטער ניגון

ער עפנט פון ארון הקודש די צוויי טירעלעך
ער הייבט אן וויינען, עס רינען טרערן צוויי שנירעלעך

א ווידערקול קלאפט אים צוריק אין פנים
כאילו עס זאגט אים שרייעדיג
קוק נישט אריין אין מיר, ווייל איך בין ליידיג



BINGO°

HEATING & COOLING

347-451-9320

דער גאנצער עולם פארגליווערט, שאקירט און פאר'מוח'ט
ס'איז שא שטיל און מען הערט ווי יעדער בוכה'ט
אוי רבש"ע שטייען מיר פארלוירן, צובראכן אינגאנצן
נישט דא קיין ספר תורה מיט וואס גייען מיר טאנצן

פלוצלינג באמערקט מען דריי קליינטשיגע קינדערלעך
פון די גאנצע שטאט נאר זיי איבערגעלעבט אזוי וואונדערליך
זייער פנים פארציילט נעבעך אזויפיל
מיר זענען כשר'ע ספרי תורה אן קיין פסול
שרייען זיי מיט הייסע טרערלעך

מיר וועלן זיין ענקערער ספרי תורות
מיט אונז וועט מען צוריק בויען די קומענדיגע דורות
אנשטאט די ספרי תורה הייבט אונז אויף
טאנצט מיט אונז ביז'ן הימל ארויף
רייסט איין אז די קומענדיגע דורות זאלן בלייבן ערליך

הייליגע קינדערלעך קומט מיר וועלן אייך אויפהייבן
און ווייזן פאר'ן בורא אז מיר טוען נאך אין אים גלייבן
כאטש מיר זענען דורך דעם גיהנום התחתון
טאטע טוען מיר, פון דיר נאך טראכטן
און טאנצן פאר דיר אפילו עס קומט אן שווערליך

אין דעם טונקעלן קאלטן שול דעם עולם השפל'ע
זענען זיי שוין גרייט צו טאנצן די ערשטע הקפה'לע
עס ווארטן שוין די עלטערן די קדושים דארט אין די הויכע עולמות
ווען מיר טאנצן מיט זייערע קינדערלעך די הייליגע נשמות

ווער קען דען שאצן די שמחה אין שול ווי ווייט ס'איז
מיר גייען טאנצן, א נקמה, אין די פינסטערע נאציס
דער בעל תפלה ר' נחום דרייט זיך אויס זאגט רבותי, מיט טרערן הייסע
לכבוד די הייליגע ספר תורה'לעך הייבן מיר נאכאמאל אן אתה הראית

**אתה הראית לדעת, אתה הראית לדעת**
**כי ה' הוא האלקים, אוי אוי אוי, כי ה' הוא האלקים, אוי אוי אוי**
**כי ה' הוא האלקים, אין עוד מלבדו! אין עוד מלבדו! אין עוד מלבדו!**
**אין עוד מלבדו!**

אתה בחרתנו,
אהבת אותנו

אין צער און אין ליידן,
אין גליק און אין פריידן
די אהבה צווישן אונז ביידן,
קען קיינער צושיידן - קיינמאל!

טאטע אונזער אויסלייזער, קוק ווי דיין קינד נאך געטריי איז ער
אזויפיל טרערן געזען האט ער, געווארן נאר נענטער
זאג דו טאטע'ניו, מי כעמך ישראל

פאטער אין הימל צייגן פאר דיר היצט וועל איך
דערמאן דיך אין ווילנא די צובראכענע קינדער גאר פיצעלעך
זיי האבן צוריק געבויעט דיין חלום נאך שענער ווי אמאל
קוק וויפיל טויזנטער קינדערלעך שרייען שמע ישראל

צי וואלסטו זיי דען אויפגעטוישט פאר'ן בעסטן פאלק אפילו
קוק דעם שיינקייט פון דיין עם סגולה
ישיבות, חדרים, כוללים, טוען לייכטן אין דעם גלות דעם טונקעלן
מען הערט דעם קול תורה אין אלע ווינקלען

הייליגער באשעפער הק-ל הגבור
שוין אזויפיל שמחת תורה'ס זינט דאן זענען פאריבער
מיר האבן דיך קיינמאל נישט פארלאזט
קוק וויפיל ספר תורה'לעך היינט דו האסט
א אידישן חן מה נעים גורלינו ומה יפה

א שאלה פון דיר פרעגן לכאורה וועל איך
ווען וועסטו שוין טאנצן מיט דיינע ספר תורה'לעך
זעקס טויזענט יאר איז דען נישט צופיל
וויפיל איז דער שיעור, טאטע וויפיל
אוי ווען וועסטו שוין טאנצן מיט דיין קינד די זיבעטע הקפה

מיין טייער קינד איך הייב דיך שוין אויף אט ווידער
ווי שיין וועט דאס זיין ווען איך וועל נאכאמאל טאנצן מיט דיר
דיין ישועה איז דא, ס'הענגט נאר אויף א פאדעם א דינעם
נאך אביסעלע אחדות, נאך אביסעלע אהבת חינם

אין גן עדן דעם טיר פון ארון הקודש איך עפן
מיט אלע קדושים וועסטו דיך מיין קינד נאכאמאל טרעפן
מיט זיי אינאיינעם קיין ירושלים גיין, און יעדער וועט זינגען אזוי
**אתה הראית לדעת, כי ה' הוא האלקים, אין עוד מלבדו!!!**

בנצי שטיין
בנצי שטיין
ליפאו בראך

3




**בי' אנא רחיץ**
**ולשמי' קדישא יקירא**
**אנא אימר תושבחן**

אידעלע
זיי נישט אזוי מידעלע
נעם ארויס דיין פידעלע
ווייל איך האב דיר ליב מיין ברודער'לע
לאמיר מאכן א רקידה'לע

**בי' אנא רחיץ**
**ולשמי' קדישא יקירא**
**אנא אימר תושבחן**

אידעלע, נעם ארויס דיין פידעלע
אידעלע, שפיל'זשע מיר א לידעלע
אידעלע, איך האב דיר ליב מיין ברודער'לע
לאמיר אלע טאנצן א רקידה'לע

יא-די-דיי
פאר וועמען
ולשמי'
פאר אימ'ן
מיין ברודער'לע
זינג א לידעלע
אנא אנא אימר תושבחן

**ולשמי' קדישא יקירא**
**אנא אימר תושבחן**



ר' משה יחזקי' ווייס

אברהמ'לע שפירא

הערשי גינסבערג

4

# עבעס בעסער



יא יא ווער קלאפט
זיך אויפגעכאפט
מיין טייער קינד רחל'ע זוכט ליבשאפט
עפעס עס דרוקט
פון געוויין געשטיקט
עס איז דריי פארטאגס, אויפ'ן זייגער ער בליקט

א שמייכל זי גיבט
אין קוים קוים זי רעדט
טאטי איך וויל זיין דא נאנט צו דיין בעט
מיין קינד, פארוואס נישט?
אויף איר שטערן ער קושט
און פון זיינע אויגן, א טרער ער ווישט

אין שפיטעלער איר געפירט
אזויפיל שטודירט
די גרעסטע דאקטוירים, האבן שוין פרובירט
באשעפער אצינד
רחל איז אויך דיין קינד
מאך איר, מאך איר געזונט!

דאס קינד זי ליגט שטיל
אבער איר הארץ איז פול
רחל'ע פארציילן עפעס זי וויל
אינדרויסן באלד טאגט
קוים כח זי פארמאגט
און אט ער הערט ווי עפעס זי זאגט

טאטי דו ווייסט
אז יעדער תפילה הייס
פועל'ט אויס א ישועה, א טרייסט



CALLOWAY

CAPITAL

דער אויבערשטער אליין
נעמט יעדן געוויין
און ער ענטפערט קיינמאל נישט ניין!

אמאל ענטפערט ער "יא"
וואס מ'בעט גיבט ער יא
און מיר דאנקען הללוקה
אמאל ענטפערט ער "נאכנישט יעצט"
ער פארזעט נישט קיין קרעכץ
און דאן האט זי געווירבעלט,
אירע ווערטער איר לעצט

**דער אייבישטער איז א גוטער**
**נאר גוטס טוט-ער**
**און אמאל ענטפערט ער, אן ענטפער א דריטער**
**נישט יא און נישט שפעטער**
**ווייל עפעס בעסער זעט ער**
**געטרוי, געטרוי מיך איך בעט דיר**

**גע'שתדל'ט אין אלע געסער**
**פרובירט ברעכן שלעסער**
**אבער ער ענטפערט**
**"מיין קינד, איך האב עפעס בעסער"**
**דיינע תפילות געהערט**
**זיין ענטפער צוריק געקערט**
**איך האב פאר דיר בעסער,**
**גלויב'זשע מיר ס'איז ווערד!**

*אויף מארגן האט רחל'ע אויסגעהויכט איר הייליגע נשמה,*
*אבער אירע צובראכענע עלטערן טרעפן אין דעם זייער נחמה*
*און כאטשיג זי איז שוין מער נישט דא מיט אונז*
*קלינגען אירע ווערטער און פיל חיזוק ס'גיט אונז*
*דער רבונו של עולם איז א חלק פון אונז*
*און יעדער איד איז ביי אים טייער ווי א פרינצעסן און א פרינץ*
*אונז מעג מיר בעטן טאטי פאר אלעס*
*ער הערט און ער ענטפערט אויף כל משאלות*

דער בחור האט חן
ער טוט הויך שטיין
שוין זעקס און צוואנציג און נאך אלס אליין
ווי פון הימל א גזירה
ער האט נישט קיין ברירה
"איך בין מוותר אויף אלעם", כאטש אן אשה כשרה

די שדכנים מיט בלוט
ס'זעט שוין אויס גוט
אבער די מיידל'ס טאטע, דער לעצטער מינוט
צום שידוך נישט מסכים
דער רב האט גע'פסק'נט
די בחור פרעגט "פארוואס?"
ווייל מ'האט ניין גע'חתמ'עט

מיין טעלעפאן רינגט
עס ווארפט זיך עס קלינגט
איך הייב אויף "העלא" דער בחור ער שלינגט
"מיכאל, ס'איז אויס"
די ווערטער קומען קוים ארויס
"איך האלט, איך האלט עס נישט אויס!"

איך דערצייל אים פון רחל
און אז דער כל יכול
וועט אים שיקן א כלה בתוף ובמחול
דו מיינסט אז ס'איז ביטער
ער איז דאך א גוטער
דער באשעפער ענטפערט דיר,
דער ענטפער, דער דריטער

ס'האט נישט לאנג געדויערט
איך קום פון עירפארט
אין זאל ביי דעם מוזיק טרעף איך מיין ארט
איך טו "אינטרעדוסן"
א כלה מיט איר חתן
לעבעדיג טאנצט יעדער לקראתן!

א גליקליכער פאר
דער חתן איז עלטער אפאר יאר
און די כלה איז צופרידן ער איז באזעסן און "מעטשויר"
דער חתן זאגט מיר מזל טוב
ס'איז נישט פארלוירן מיין האף
מיכאל, ביסט געווען גערעכט, סוף כל סוף!

**ווייל דער באשעפער איז א גוטער**
**נאר גוטס טוט-ער**
**און אמאל ענטפערט ער, אן ענטפער א דריטער**
**נישט יא און נישט שפעטער**
**ווייל עפעס בעסער זעט ער**
**געטרוי, געטרוי מיך איך בעט דיר**

**געשתדל'ט אין אלע געסער**
**פרובירט ברעכן שלעסער**
**אבער ער ענטפערט**
**"מיין קינד, איך האב עפעס בעסער"**
**דיינע תפילות געהערט**
**זיין ענטפער צוריק געקערט**
**איך האב עפעס בעסער,**
**גלויב'זשע מיר ס'איז ווערד!**

ווי שטארקער אט ווערסטו
ווען די לידעלעך הערסטו
זאלסט וויסן דער אלבום איז מיר אנגעקומען די שווערסטע
כ'האב געהאפט צום ק-ל חנון
פון רחל'ען געטון דערמאנען
כ'האב זוכה געווען דעם ענטפער פארשטאנען

**מ'האט גע'שתדל"ט אין אלע געסער**
**פרובירט ברעכן שלעסער**
**ער ענטפערט "מיכאל, עס קומט עפעס בעסער"**
**יעדנס תפילות געהערט**
**זיין ענטפער צוריק געקערט**
**איך האב באקומען דאס בעסטע,**
**גלייבט מיר ס'איז ווערד!**





בס"ד


WHAT REALLY MATTERS IS
WHAT'S ON THE INSIDE
EST. 1974
MS OPTICAL
· FAMILY EYEWEAR ·
STYLE · SELECTION · SERVICE
· Brooklyn ·
5202 16th Avenue
Brooklyn, NY 11204
Tel. 718.436.5900
· Lakewood ·
12 America Avenue
Lakewood, NJ 08701
Tel. 732.655.2020

אנשיל פריעדמאן

אנשיל פריעדמאן

הערשי גינסבערג

# 5

# א אידן א טובה



הניגון מוקדש לרפואת חולי ישראל בקרוב ובשלימות

עס קומט אראפ א נשמה אויף דער וועלט
און לעבט זיך אפ זיבעציג אכציג יאר
עס קומט אראפ א נשמה אויף דער וועלט
און לעבט זיך אפ זיבעציג אכציג יאר

פארוואס?

**צו טון א אידן א טובה, א אידן א טובה**
**בגשמיות**
**צו טון א אידן א טובה, א אידן א טובה**
**בפרט ברוחניות**

ואהבת לרעך כמוך
זה כלל גדול בתורה

**צו טון א אידן א טובה, א אידן א טובה**
**בגשמיות**
**צו טון א אידן א טובה, א אידן א טובה**
**בפרט ברוחניות**


















*For bookings*
*or to view our whatsapp status*
*call/message 484-854-1815*

Michoelschnitzler.com

@MichoelSchnitzlerChannel

MichoelSchnitzler

@michoelschnitzler

Michoel Schnitzler


















# 6

# וזאת התורה

מאטי אילאוויטש
מאטי אילאוויטש
הערשי גינסבערג

סיפור: הרב יואל גאלד
*Los Angeles, CA*



*Child Solo:*
**פיני מיללער**

Choir Conducted by
L. Weinberger (the best)

**סאלא/הארמאני: מאטי אילאוויטש**

ביי זיך אינדערהיים אין זיין בנין
מאכט יעדן שבת א מנין,
פארלוירענע נשמות קומען זיך דארטן צוזאם
זאלן זיי אויך שפירן א שבת׳דיגן טעם

אינאיינעם זמירות זינגט מען
עד עלות השחר שפרינגט מען
אבער שבת אינדערפרי קען מען דארט נישט דאווענען לכאורה
ער האט נישט פון וואו צו שאפן א ספר תורה

א קלאפ אויף זיין טיר איין טאג הערט ער
איבערראשט איינגאנצן ווערט ער
שטייט דארט א זקן מיט א ספר תורה אין זיין הענטעלע
שטויביג און אלט, מיט אן אפגעריסענעם מענטעלע

נאס פון טרערן זיינע אויגן
שוין יארן אדורך געפלויגן
געראטעוועט פון אוישוויץ, האב איך דעם תורה׳לע מיין
שוין יארן עס ליגט באהאלטן אין מיין שטוב אליין

געווען בין איך אין ווארשע דער בעל קורא
איין שבת ביי קריאת התורה
די נאצישע רשעים, געשטורעמט די ביהמ״ד וועגנ
טאטעס מיט קינדער פאר א קרבן מוסף פארברענט
איך בין ארויסגעלאפן מיט דעם ספר תורה אין מיין הענט.





געהיטן אין די שווערסטע צייטן
האבן מיר זיך איינער דעם צווייטן,
נאכן באפרייאונג באהאלטן האב איך איר שטיל
ס'האט דאך נעבעך געליטן אזוי פיל
איך שפיר אבער אז דא ביי דיר באלאנגען זי וויל.

**וזאת וזאת התורה**
**תורה'לע האב נישט קיין מורא**
**די בעסטע פלאץ פאר דיר וועט דא זיין**
**ליינען וועלן דיר נשמות**
**וואס גייען אדורך מלחמות**
**ענק וועלן זיך איינער דעם צווייטן זייער גוט פארשטיין**

**מיט דיר וועלן זיי טאנצן**
**מיט דיר וועלן זיי וויינען**
**זאג זיי, מיין קינד, איך פארשטיי דיין געוויין,**
**מ'האט מיך אויך פון מיין היים פארטריבן**
**דאך קוק ווי שיין איך בין געבליבן**
**און בלייבן וועל איך לעיני כל ישראל**
**און אויב ס'שווער, בראשית, הייב אן נאכאמאל!**

נאכן דאווענען מ'טאנצט א רקידה
זיך וואשן גייט יעדער צום סעודה,
ער זעט ווי א קינד האט זיך אוועקגעריקט
און גייט אריין אינעם צימער, דארטן וואו די תורה'לע ליגט

נעבן ארון קודש שטייט ער
מיט שטילע קולות שרייט ער

זיך איינצוהאלטן האט ער נישט די כוחות
ער פלאצט אויס אין א געוויין דארט ביים פרוכת.
תורה דו פארשטייסט מיך מסתמא
איך האב יונג פארלוירן מיין מאמע,
גאנצעטע נעכט געיאמערט און געוויינט
קיינער האט מיך נישט געעפנט, און מיך נישט געליינט
צי זעסטו ווי באהאלטן איך בין, פארשטייסט דאך וואס דאס מיינט

צי וועט מיך נאך איינער געפינען
היילן מיינע טרערן וואס רינען
הייליגער תורה, דיר מקנא איך בין
ווי שיין מ'האט דיך צוריק אויפגעהויבן, און מ'האט דיך אינזין
הלוואי וועל איך איין טאג שפירן דעם טעם דערפון.
**וזאת וזאת התורה**
**נשמה'לע, האב נישט קיין מורא**
**איך קוק אריין אין דיר, מיין טייער קינד**
**דיינע ווערטער טו איך ליינען**
**דיינע פרשיות מאכט מיר וויינען**
**ווער נאך ווי איך פארשטיי דיינע פארבלוטיגטע טינט.**

**אבער איך זאג דיר, אז:**
**מיט דיר וועט מען נאך טאנצן**
**ווייל דיינע אותיות גלאנצן**
**יעדע אות פון דיר וועט מען פארשטיין**
**קיין חילוק ווי דו ביסט פארטריבן**
**מיט הייליגע טינט ביסטו פארשריבן**
**און בלייבן וועסטו לעיני כל ישראל**
**און אויב ס'שווער, בראשית, הייב אן נאכאמאל!**






GOGROUPNY.COM
KLEIN'S
כשר
Real Kosher
A K-Select product
for the discerning consumer
Vanilla
PREMIUM ICE CREAM
ONE PINT
(473mL)
כשר לפסח
חלב ישראל
KOSHR FOR
PASSOVER
DAIRY
Made in the USA
Make it a K select moment
SELECT K
A K-Select product
for the discerning consumer
More selections coming soon

ליפא שמעלצער

ליפא שמעלצער

דוד טאוב

# 7 כל עצמותי



*Thank You*
דוד גפנר

**כל עצמותי תאמרנה**
**ה׳ ה׳ מי כמוך**
**כל עצמותי תאמרנה**
**ה׳ ה׳ מי כמוך**

קומטס אריין דא יעדער איינער
כאפט א טאנץ מיט אלע ביינער
כל עצמותי תאמרנה

קומטס אריין דא יעדער איינער
כאפט א טאנץ מיט אלע ביינער
כל עצמותי תאמרנה

**כל עצמותי תאמרנה**
**ה׳ ה׳ מי כמוך**
**כל עצמותי תאמרנה**
**ה׳ ה׳ מי כמוך**



אברהם׳לע שפירא
ישעי׳ פוקס
דוד טאוב

# 8

לע״נ זיסל ב״ר יחיאל
ולע״נ אידל ב״ר רפאל



# שטיינדעלעך

אין א שטעטל,
אויף א דינסטאג
א פרוי שפאצירט און גאס
אויף די אנדערע זייט
זי באמערקט און זי אויפפאסט

עס גייט דורך דארט א פרוי, א היימישע זי דערקענט
און שטופט א קינדער וועגעלע מיט די הענט,

זי קוקט און זי גלייבט נישט וואס זי זעט מיט אירע אויגן
יעדע פאר טריט האט זי זיך אראפגעבויגן
שטיינדעלעך פון די גאס? עה, ס׳קען נישט זיין
יא קוק! זי לייגט עס און וועגעלע אריין

**אוי א שטיין נאך א שטיין**
**זי טוט איר נאכגיין**
**זי קוקט שטיל**
**איר קאפ איז פול**
**מיט פראגעס**
**א שטיין נאך א שטיין**
**און זי קען עס נישט פארשטיין**
**וואס איז פשט אזא מאדנע התנהגות**

זי לויפט אהיים מיט איין אטעם, מיט א בהלה
וואס האט פאסירט מיט איר, איך מיין זי דארף הצלה
זי רופט שנעל איר שוועסטער,
דו זיצט אדער דו שטייסט?
וואס גייט פאר מיט דיין שוועסטער,
געוואלד איך ווייס נישט צי דו ווייסט



זי גייט אין גאס מיט א וועגעלע, און שטיינער זי הייבט אויף
זי איז דאך א חשוב׳ע פרוי, יעדער קוקט אויף איר ארויף
עס קוקט מיר אויס נעבעך ווי זי איז אראפ פון זינען
איך בעט דיך רוף איר שנעל, דו מוזט דאס אויסגעפונען

זי רופט גלייך איר שוועסטער און גיבט איר א פרעגעלע
ס׳איז אמת אז דו קלויבסט צוזאם שטיינער אין א קינדער וועגעלע?
מענטשן רופן מיך באזארגט טוסט זאכן נישט נארמאלע
וואס גייט פאר? ענטפער מיר די שאלה

צושמייכלט זי זיך און זי ענטפערט: איך וועל דיר פארשטיין געבן
געדענקסטו, ס׳האט געוואוינט א רב גלייך ביי אונז דערנעבן
א געהויבן חשוב רב, געלעבט שטיל און באשיידן
א יאר צוריק נסתלק אין גן עדן

אן איידעלע נשמה
נישט געלאזט קיין זרע של קיימא
נישטא ווער ס׳זאל זיך בענקען ווער ס׳זאל וויינען
זיין אלמנה אליין
געבליבן עלנד ווי א שטיין
נאר איר טובה טו איך דא מיינען

מארגן איז זיין ערשטע יארצייט, און די רביצין די אלמנה
צובראכן אויף זיין ציון וועט גיין, זיך אויסבעטן מיט כוונה
אויף די אנדערע רבי׳ס מציבות, וועט זי קוקן אזוי שטייעדיג
אלע זענען אנגעפולט מיט שטיינדעלעך, אבער איר מאנ׳ס איז ליידיג

בין איך היינט ארומגעגאנגען, און פיל שטיינדעלעך צוזאמגענומען
אויף זיין מציבה ארויפצולייגן, אז מארגן ווען זי וועט קומען
וועט זי זען די פילע שטיינדעלעך, און נישט האבן חלישת הדעת
פארדעם האב איך געקליבן די שטיינער היינט אין די גאס

**א שטיין נאך א שטיין**
**חסד הייליג און ריין**
**די נשמה פלאם עס שיינט מיט אהבת חינם**
**א געדאנק א קליינינקייט**
**אן אלמנה דערפריידט**
**עס טוט ביים קודשא בריך הוא חן געפונען**

אוי טאטע זע ווי עלנד מיר זענען, היתה כאלמנה
אזויפיל טרערן שוין געבעטן, יהי רצון שיבנה
צרות און יסורים, אזא הסתר פנים
א שטיין נאך א שטיין, א גל של אבנים

אויב פעלט דיר שטיינער קוק וויפיל הערצער וויינען און קלעמען
האסט גענוג צום ביהמ״ק בויען, טו די שטיינדעלעך צוזאמנעמען
אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה
לייז אונז אויס בקרוב פדויים לציון ברינה

**נאך א שטיין און נאך א שטיין**
**און מיר גייען שוין אהיים**
**צום בית המקדש דעם נייעם**
**א שטיין נאך א שטיין**
**און מיר קומען שוין צו גיין**
**מיט משיח'ן קיין ירושלים**






נפתלי משה שניצלער
הערשל דייטש
הערשי גינסבערג

9

# א געלט מעשה'



יו"ט ראש השנה אויפדערנאכט
ביים הייליגן קדושת לוי
דער צדיק'ס ברכה יעדער דערגרייכט
לשנה טובה תכתבו

די דאגות אינדערהיים מ'לאזט
ווער געט זיך דען א מוטשע ווער
זעה דיינע קינדער וואס דו האסט
זאגט צום בורא דער בארדיטשוב'ער

אזויפיל תפלות קומען אן צו דיר
יעדנ'ס געבעטע נעם אפיר
אלע וויינען און ברעטשן
אז דו וועסט נאר אויסקוועטשן
קומט ארויס געלט אלעמאל

קוועטש אויס די געלטער פון א איד
וועסטו זען וואס זיין הארץ ציט
אלע געלטער פארוווענדן
פאר א מצוה'לע ספענדן
מי כעמך ישראל

**ווייל צו זיין א איד,**
**דארף מען האבן געלט**
**די מצווה'לעך מ'היט,**
**עס פעלט דאך אויס געלט**
**צו זען די שכינה רוט,**
**מ'מוז דאך האבן געלט**
**פון משביע לכל חי**



**ווייל צו זיין א איד,**
**דארף מען האבן געלט**
**די מצווה׳לעך מ׳היט,**
**עס פעלט דאך אויס געלט**
**צו זען די שכינה רוט,**
**מ׳מוז דאך האבן געלט**
**ותן לכל איש פרנסה די**

דער קדושת ציון גלייך נאך שחרית
פאר די תקיעות אינעם יום הדין
ער גייט צו ר׳ מיכל וואס רייך ער איז
מיט געלט פאר א צוועק האב מיך אינזין

אנטווישט, איז דער נגיד
פונקט יעצט, בעטן געלט מ׳זאל
כ׳האב נארוואס געהערט וואס דער רבי זאגט גוט
ובכן תן פחדך על כל

ס׳איז געווען ביי מיר זעכער
אז די רבי שוועבט העכער
דערווייל לדאבונינו
קדשנו און שבענו
אלעס נאר געלט איז פשט

דער צדיק, זיין פנים שטראלדיג
ר׳ מיכל, זאגסט דאך געוואלדיג
אז ס׳איז דא געלט השפעות
מ׳בארגט נישט קיין הלוואות
קען מען פון מצוות ווערן זאט

**ווייל צו זיין א איד,**
**דארף מען האבן געלט**
**די מצווה׳לעך מ׳היט,**
**עס פעלט דאך אויס געלט**
**צו זען די שכינה רוט,**
**מ׳מוז דאך האבן געלט**
**פון משביע לכל חי**

**ווייל צו זיין א איד,**
**דארף מען האבן געלט**
**די מצווה׳לעך מ׳היט,**
**עס פעלט דאך אויס געלט**
**צו זעהן די שכינה רוהט,**
**מ׳מוז דאך האבן געלט**
**ותן לכל איש פרנסה די**

א יו״ט מיט התעוררות
זיך אנגעשעפט פונעם ברונעם
דער גרויסער צדיק הדור ער איז
דער הייליגער רבי ר׳ בונם

דער עולם תיכף מוצאי
אריין צום רבי׳ן מ׳לאזט זיי
אויף גרשונ׳ען דעם רבי׳נ׳ס בליק איז
וואס האסטו אויסגע׳פועל׳ט דעם סוכות

דעם רבינ׳ס פראגע, געוויס איך הער
ענטפערט גרשון דעם פשיסחער
מיט פרייד זאגן איך גיי אים

נאר יראת שמים
צום טאטן מיין איינציגסטן פזמון

אוי גרשונ׳על, ס׳טוט מיר זייער לייד
א ברכה לבטלה ס׳איז כמעט
ווייל יראה און קיין געלט
איז דאך זייער איינגעשטעלט
צוזאמען ביידע האבן מוז מען

**ווייל צו זיין א איד,**
**דארף מען האבן געלט**
**די מצווה׳לעך מ׳היט,**
**עס פעלט דאך אויס געלט**
**צו זען די שכינה רוט,**
**מ׳מוז דאך האבן געלט**
**פון משביע לכל חי**

**ווייל צו זיין א איד,**
**דארף מען האבן געלט**
**די מצווה׳לעך מ׳היט,**
**עס פעלט דאך אויס געלט**
**צו זען די שכינה רוט,**
**מ׳מוז דאך האבן געלט**
**ותן לכל איש פרנסה די**

ר׳ משה׳לע קאזשניצער אלס קינד
געווען ביים חוזה אינדערהיים
אין זיין סידור׳ל ווייזט ער אצינד
ויברך דוד את השם

מיט תמימות פרעגט ער א חקירה
וואס זאגט מען דא כנועם שיח סוד
לך ה׳ הגדולה והגבורה
התפארת הנצח וההוד

רבי, צי דען אזוי איז דאס
דער איבערשטער האט זיבן מדות
נאר פינף שטייט דא
ס׳פעלט דאך נאך צוויי דא
פרעג איך וואו טרעפט מען זיי

מיין קינד, הער צו מיינע רייד
העושר והכבוד אויף עס שטייט
עשירות און געלטער
פאר אידן צושטעלט ער
דאס זענען די אנדערע צוויי

**ווייל צו זיין א איד,**
**דארף מען האבן געלט**
**די מצווה׳לעך מ׳היט,**
**עס פעלט דאך אויס געלט**
**צו זען די שכינה רוט,**
**מ׳מוז דאך האבן געלט**
**פון משביע לכל חי**

**ווייל צו זיין א איד,**
**דארף מען האבן געלט**
**די מצווה׳לעך מ׳היט,**
**עס פעלט דאך אויס געלט**
**צו זען די שכינה רוט,**
**מ׳מוז דאך האבן געלט**
**ותן לכל איש פרנסה די**

מאטי אילאוויטש
מאטי אילאוויטש
הערשי גינסבערג

# 10

# עצת השם



מיט שווערע מחשבות דער מענטש פארכאפט
צרות, נסיונות, אזוי צוקלאפט
א וואנט ער טאפט
צובראכן ער בלייבט
דארט שטיין.

שוועריגקייטן אויף יעדן ריר
מיין מוט, מיין כח, איך פארליר.
איך פראביר און פראביר
אבער וויפיל איז דער שיעור
אנצוגיין.

איך פרעג איך פרעג
איך זוך איך זוך
אן עצה אן ענטפער וואס רעדט צו מיך
אין וועלכן בוך
טרעפן קען איך
דעם חיזוק מיין

איך קוק אין מיין סידור יעדן אינדערפרי
יהי כבוד ה', יהי
איך הער ממש ווי
מיין ענטפער דערצו
איז אין א שורה איין

מיין טאטע, גיב מיר א קלאפ אין די פלייצע
מיין טאטע, ער גיבט מיר זיין עצה.



**עצת ה', דעם אייבערשטנ'ס עצה**
**לעולם, אלעמאל**
**תעמוד -שטיי אויף!**
**תעמוד -שטעל דיך אויף!**
**תעמוד - דו האסט די כח זיך אויפצוהייבן.**

**עצת ה', דעם אייבערשטנ'ס עצה**
**לעולם, אלעמאל**
**תעמוד -הייב דיך אויף!**
**תעמוד -קוק ארויף!**
**תעמוד - דו קענסט, דו דארפסט נאר גלייבן.**

**תעמוד - שטיי אויף**
**תעמוד - הייב דיך אויף**
**געדענק אין יעדן קלעם**
**אז תעמוד איז עצת ה'**

ביסט געפאלן זיבן מאל, שטיי אויף אכט
זוך אין די שטערנ'ס פון אינמיטן נאכט.
פאלן איז שווער
אבער בלייבן געפאלן, איז שווערער!

אפילו ווי עס שפירט ווי די כוחות אויסגעלאזט
זאלסט אבער וויסן אז טיפער דו האסט.

דו קענסט וואקסן
דו קענסט דיך הייבן
נאך מערער.

מיין קינד, גיב דיר א קלאפ אין פלייצע
מיין טייער קינד, הער דיין טאטנ'ס עצה.

**"עצת ה', דעם אייבערשטנ'ס עצה**
**לעולם, אלעמאל**
**תעמוד -שטיי אויף!**
**תעמוד -שטעל דיך אויף!**
**תעמוד - דו האסט די כח זיך אויפצוהייבן.**

**עצת ה', דעם אייבערשטנ'ס עצה**
**לעולם, איבערא**ל
**תעמוד -הייב דיך אויף!**
**תעמוד -מיין קינד קוק ארויף!**
**תעמוד - דו קענסט, דו דארפסט נאר גלייבן.**

**תעמוד - שטיי אויף**
**תעמוד - הייב דיך אויף**
**געדענק אז אין יעדן קלעם**
**אז תעמוד איז דער עצת ה'**






THANK YOU
NUCHEM!

# 11

# בעתו ובזמנו

ליפא שמעלצער
ליפא שמעלצער
דוד טאוב - שמוליק בערגער

*Thank You*
דוד גפנר

*Choir arranged and conducted by:*
***Lipa Schmeltzer***

*Choir:*
*Zishy Green*
*Shmily Brody*
*Pinny Melamed*
*Nuchem Halpern*



**בעתו ובזמנו**
**בעתו ובזמנו**
ווען איז א גוטע צייט
ווען איז די בעסטע צייט
ווען איז די ריכטיגע צייט
יעצט יעצט איז די צייט

ווען ווען איז די צייט
ווען איז א גוטע צייט
ווען איז די בעסטע צייט
יעצט יעצט איז די צייט

ווען ווען ווען, איז די צייט
ווען ווען ווען, איז א ריכטיגע צייט
**יעצט...**

**בעתו ובזמנו**
**בעתו ובזמנו**

ווען איז א גוטע צייט
ווען איז די בעסטע צייט
ווען איז די ריכטיגע צייט
יעצט יעצט!

ווען איז א גוטע צייט
ווען איז די בעסטע צייט
ווען איז די ריכטיגע צייט
יעצט יעצט איז די צייט
**יעצט איז די צייט**



פנחס מרדכי וועבער

פנחס מרדכי וועבער

יענקי ציממער



Child Solo:
יוסי מאוליק

# 12

# מיין ברודער



לכבוד מיין טייערער ברודער ר' ברוך יודא ז"ל.
אלע ליכט זענען שוין אויסגעלאשן,
איך זיץ דא ביי מיין טישל מיט'ן
פעדער אין די האנט, און איך
שרייב אויף פאפיר וואס איז נאס
פון טרערן, איך וויל מיך מיט דיר
דורכשמועסן און איך וויל הערן, וואס
טוט זיך מיט א צדיק וואס גייט ארויף
פון דער וועלט אויפ'ן עולם האמת

מיין טייערער ברודער, מיין לעכטיגע ברודער, וואו ביסטו
טייערער ברודער, הייליגער ברודער, וואס טוסטו
מיין טייערער ברודער, מיר האבן זיך געשיידט, אזוי פרי
מיין טייערער ברודער, דו ביסט שוין געגאנגען,
צו דיין אייביגן רו

אזוי געטריי, ביסטו געווען, אוי צו מיר
אזוי נאנט, בין איך געווען, אוי צו דיר
אוי דאס הארץ, בענקט און בענקט, אן א שיעור
ברענג דיין זעקעלע, איך וויל אריינווארפן,
נאך איינמאל אין איר

**אלקא דמאיר ענני**
**אלקא דמאיר ענני**
**רבי מאיר האט דיך באגלייט**
**מיט א שמייכעלע אויסגעשפרייט**
**און דיך מקבל געווען אויף זיין יארצייט**



אזויפיל מיטגעמאכט האסטו אין דיין לעבן
אבער קיינמאל האסטו נישט אויפגעגעבן
אזויפיל חסד מיט אלע שוועריגקייטן
א גוט ווארט א שמייכעלע פאר א צווייטן

ווי שיין איז געווען דיין כיבוד אב ואם
שבת פעקלעך געטראגן פאר אידן אהיים
צי וועט דיין חלום אמאל ערפילט ווערן
ברודערל איך שריי צו דיר, צי קענסטו מיר הערן

**אלקא דמאיר ענני**
**אלקא דמאיר ענני**
**ר' מאיר האט דיך באגלייט**
**מיט א שמייכעלע אויסגעשפרייט**
**און דיך מקבל געווען אויף זיין יארצייט**

מיין טייערע ברודער, מ'האט מיר דא אויבן שיין אויפגענומען
דער רבונו של עולם, מיט די פמליא של מעלה, איז מיר קעגן געקומען
מיין הייליגע טאטע, ר' משולם זושא, זאגט מיר מיט א שמייכל
קום נאר מיין קינד, וועל איך דיר ווייזן דיין שיינעם היכל

ווייל אזוי געטריי צו די משפחה, ווי א רעכטע האנט
אזויפיל צובראכענע הערצער האסטו אויפגעשיינט
יתומים אלמנות ארימעלייט, אונטערגעלאנט
יעדער האט געשפירט ווי ער האט פארלוירן זיין בעסטן פריינט

**אלקא דמאיר ענני**
**אלקא דמאיר ענני**
**רבי מאיר האט דיך באגלייט**
**מיט א שמייכעלע אויסגעשפרייט**
**און דיך מקבל געווען אויף זיין יארצייט**

טייערע קינדערלעך איך בין נאך געבליבן געטריי
מיט מיין זעקעלע פאר'ן כסא הכבוד איך שריי
טאטע פאר א יעדן אידיש קינד
שיק שוין נחת פרנסה שידוכים און געזונט

ביי יעדן היכל מיט מיין זעקעלע אין מיין הענט
שריי איך הייליגע אבות ווארפטס אריין וויפיל איר קענט
איך שטיי און ווין ביי משיח בן דוד
און אלע צדיקים וויינען מיט מיר מיט

**אלקא דמאיר ענני**
**אלקא דמאיר ענני**
**ר' מאיר האט מיך באגלייט**
**און צוזאמען מיט מיר ער שרייט**
**טאטע טאטע מיר זענען שוין גרייט**
**ר' מאיר האט מיך באגלייט**
**צוזאמען מיט מיר ער שרייט**
**קינדערלעך קינדערלעך אט אט ווערן מיר באפרייט**
**אט אט, אט אט ווערן מיר באפרייט**

**אלקא דמאיר ענני**
**אלקא דמאיר ענני**
**ר' מאיר האט מיך באגלייט**
**און צוזאמען מיט מיר ער שרייט**
**קינדערלעך קינדערלעך אט אט זענען מיר באפרייט**

**ר' מאיר האט מיך באגלייט**
**און צוזאמען מיט מיר ער שרייט**
**קינדערלעך אט אט זענען מיר באפרייט**

**און צוזאמען מיט מיר ער שרייט**
**קינדערלעך מיר זענען שוין באפרייט**





נפתלי משה שניצלער

וועלוול פעלדמאן

דוד טאוב

## 13

# שלח - א לאך



איך גיי אין גאס
ס'איז יומיד נאס
די וועטער קאלט און בלאס
די פנים נאך צו קנייטש די פיאות צוקניפט

איך זע מיין פריינט
ער האט נישט געפלאנט
צו שמייכלען צו מיר היינט
עפעס איז אים ענג עפעס שטארק עס ציפט

אנגעזעצט
אלעס פארלעצט
איך פרעג וואס איז יעצט
ער קוקט מיר אן פארוואונדערט ווי איך רעד פון היץ

צעריסן ער
צוביסן מער
אבער מיכל ליסן הער
הער מיך אויס א ווערטל איך האב א גוטס

--

געווען א גוט ווארט עס ווייזט אויס
מיכל אין א לאך ער רייסט אויס
מיין ערשטע שמייכל היינט וואס איך פאסט אויס




Music to your meal!
yapCHiK
732.987.6800 | YAPCHIK.COM | 1757 MADISON AVE. LAKEWOOD, NJ

**שלח לאך א לאך**
**א שמייכל דו מאך**
**איינס ברענגט די צווייטע פאר גאר אסאך פריינד**
**ס'ממש א שאד**
**קענסט ברענגען די מוד**
**ס'איז דאך גאר אומזיסטיש**
**ביסט אויך הומאריסטיש**
**האסט אויך די טאלאנט**

**שלח לאך א לאך**
**א שמייכל דו מאך**
**ס'קאסט דיך אפילו נישט מער ווי א פעני**
**ס'ברענגט נאך פאר דיר**
**שפעטער צו פריער**
**זיי נישט קיין תמים**
**כי ברוב הימים**
**תמצאנו**

מיכל'ס גייסט
ווערט געטרייסט
ס'קומט א טאג ער ווייסט
איך האב א גוט ווארט, ס'וועט נאר קנאקן
ער מאכט נישט "פאוז"
נאר מיט זאפט און "סאוס"
זאגט עס פאר זיין "באס"
מיט אזא שמייכל אויף ביידע באקן

א שווערע קעיס
דער בעה"ב נערוועז
מיכל פרישע סחורה דאס
ער שרייט נישט מער אויף קיינעם, ער גיבט כמעט א רעיז
די גאנצע שטאב
דארט אין זשאב
אפילו אינדערהיים ביים ווייב
יעדער מיט א שמייכל די שלעכטע שטימונג א פארטרייב

פאר יענעם איז גרינג
צו זאגן פלינק
שמייכל און אויך זינג
איך קום אן צו די ארבייט איך דארף יעדעם סערוון
אנגעצויגענע קונדן
אין אלע שטונדן
גיסן נאך זאלץ אויף די וואונדן
יעדער מיינט נאר מיך צו גיין אויף די נערוון

איך קום אהיים, אה טאטי דו ביסט עס
אלע קינדער שרייען יעדעם גלוסט עס
טאטי א גוט ווארט הערן מוזט עס

--

**שלח לאך א לאך**
**א שמייכל דו מאך**
**דיין אייגענע ווערטל וואס דו האסט זיך געוועבט**
**די גאנצע אטמאספערע**
**אפילו ס'איז א שווערע**
**א מצב א אגצויגענע**
**אלע איינגעבויגענע**
**פנימ'ער אויפגעלעבט**

**שלך לאך א לאך**
**א שמייכל דו מאך**
**ס'קאסט דיך אפילו נישט מער ווי א פעני**
**ס'ברענגט נאך פאר דיר**
**שפעטער צו פריער**
**זיי נישט קיין תמים**
**כי ברוב הימים**
**תמצאנו**

**שלח לאך א לאך**
**א שמייכל דו מאך**
**איינס ברענגט די צווייטע פאר גאר אסאך פריינד**
**ס'ממש א שאד**
**קענסט ברענגען די מוד**
**ס'איז דאך גאר אומזיסטיש**
**ביסט אויך הומאריסטיש**
**האסט אויך די טאלאנט**

**שלח לאך א לאך**
**א שמייכל דו מאך**
**ס'קאסט דיך אפילו נישט מער ווי א פעני**
**ס'ברענגט נאך פאר דיר**
**שפעטער צו פריער**
**זיי נישט קיין תמים**
**כי ברוב הימים**
**תמצאנו**










נשמה
פלאם

NESHUMA FLAM
STUDIOS









ר׳ משה יחזקי׳ ווייס

ר׳ משה יחזקי׳ ווייס

דוד טאוב



Child Solo:
אברהמ׳לע פולאטשעק

# 14 רבי שמעון׳ס קלאמקע




א נסיעה צו רבי שמעון
נאך א ישועה זענען מיר געקומען
דאס הארץ פאר דיר, דאס הארץ פאר דיר, אויסגיסן

אויף די קלאמקע פון רבי שמעון
פילע זאכן זיך אונטערגענומען
א טרער פון מעמקי טוט פליסן

מיר וועלן א נאמען געבן שמעון
מיט א בן זכר צוריק קומען
א  טויער׳ל אין הימל דא אויפשליסן

געהאלפן געווארן מיט א שמעון
און דאס יאר אים אויך מיטגענומען
אונזער שעפעלע אונזער שמעו׳לע דעם זיסן

**כדאי רבי שמעון לסמוך עליו בשעת הדחק**

בערג פון אידישע תפילות
רבי שמעון און די הייליגע סגולות
וואו א איד גייט ווען עס טוט אים וויי

מירון מירון וואו אידן וויינען
מ׳וויינט מ׳טאנצט אלס אינאיינעם
מיט געגועים צום תנא אלקי

**כדאי רבי שמעון לסמוך עליו בשעת הדחק**

א חאלאקע ביי ר׳ שמעון
אויף די אקסלען אים גענומען
אין א טענצעלע אין מערה זיך אנשליסן

אויבן זיצט דער קליינער שמעון
אינגאנצן איבערגענומען
מיט א מזל טוב טוט מען אים באגריסן

**כדאי רבי שמעון לסמוך עליו בשעת הדחק**
**יכול לפטור העולם, אדונינו בר יוחאי**



לע״נ ידידי היקר
ר׳ **שרגא אליהו** ע״ה
ב״ר חיים אליעזר דוד הי״ו
**געשטעטנער**
ולע״נ כל הנשמות היקרות
שנפטרו באסון נורא ביום ל״ג בעומר תשפ״א



# **Perfection** is our **Tone**

design@**BaruchMendlowitz**.com



The Kleanery Krew

CLEANING TO PERFECTION

**Call or WhatsApp us: (917) 426-3243 - Email us: office@kleanery.com**

Kleanery is a cleaning company in Brooklyn, New York, Serving the Tri-State Area. We get your new or renovated House, Workplace, Office or School - clean and spotless - ready to move in, without any hassle. We specialize in - Mid-Construction & Post-Construction cleaning, including Building Demolition & Rubbish Removal. We do Janitorial & Maintenance services, or just anything that has the word clean. We will turn your place into a neat and clean reality. WE'RE NOT JUST CLEAN, WE'RE KLEANERY!